# רײַסן

## א. רײַסן

אָ, דער זיידע פון קאָבילניק איז א ייִד א פּאַשעטער,
א פויער מיט א פּעלץ און מיט א האק און מיט א פערד...
און מײַנע זעכצן פעטערס און מײַן טאטע —
ייִדן פּראָסטע, ייִדן, ווי די שטיקער ערד,
טרײַבן פּליטן אַף די טײַכן, שלעפּן קלעצער פון די וועלדער.
און דעם גאנצן טאָג געהאָרעוועט, ווי כלאָפּעס,
עסט מען וועטשערע פארנאכט צוזאמען פון איין שיסל.
און מע פאלט אנידער אין די זעכצן בעטן ווי די סנאָפּעס.
דער זיידע, אָ, דער זיידע קלעטערט קוים ארופעט אפן אויוון,
ער איז, דער אלטיטשקער, באם טיש אנשלאָפן שוין געוואָרן,
נאָר די פּיס — זיי ווייסן, פירן זיי אליין אים אָפּ צום אויוון,
דעם זיידנס גוטע פּיס, וואָס דינען אים פון קאמע יאָרן.

## ג. די באָבעשי

די באָבעשי געווען איז א ייִדענע א צנוע,
א מײַסטער פון א קינדלערקע — א קינד צו יעדן פרילינג.
און גרינג, און גאָר אָן ווייען, פונקט ווי הינער לייגן אייער,
האָט זי געלייגט די צווילינגען — א צווילינג נאָך א צווילינג.
דרײַ פעטערס האָט די באָבעשי געבאָרן אפן בוידעם,
צוויי פעטערס האָט די באָבעשי פארלאָרן צווישן אײַער,
עלף פעטערס האָט די באָבעשי געבאָרן אפן אויוון,
מײַן טאטן האָט די באָבעשי געבאָרן אין א שײַער...
און דאן האָט זיך איר מוטערטראכט אף אייביק צוגעשלאָסן,
די באָבעשי האָט אָפּגעשענקט פאר אָרעמע די ווינדעלעך,
די באָבעשי, די טײַערע, האָט אָפּגעטאָן דאָס איריקע,
איז זי אין שטוב ארומגעגאנגען,
ווי א קאטשקע צווישן הינדעלעך...

## ד. מע טרײַבט פּליטן

עס האָבן די נעפּלען פאַרווישט און פאַרשמירט אַלע דערפער און וועגן,
אין פעלד טאַפּט מען אָן מיטן ווארעמען פּאָנעם די קאַלטקייט
פון הענגענדן רעגן...
עס ווײַזן זיך פלעקן פוןביימער, פון ערגעץ אַ הויף,
אַן אַסוויר פון אַ ברונעם,
נאָר ס'שווימט עפּעס אָן, עס ווערט ווײַס פאַר די אויגן...
און אַלץ ווערט אין נעפּל צערונען.
אַ טרוקענער צווײַג פאַלט אַראָפּ. עס איז שטיל.
אַ פויגל הייבט אָנעט צו קלאָגן:
„ס'קומט אויסעט אין לעבן אַזויפיל אַריבערצוטראָגן,
אַזויפיל אַריבערצוטראָגן...״
די צענדליקער קוועלכעלעך פליעסקען צווישן די בייטן
און מורמלען און ריידן,
און צווישן די נעפּלען ווײַט־ווײַט אַפּן ניעמאַן דערהערט זיך
די שטים פונעם זיידן:
„שמוליע, היי, שמוליע,
פאַרפּאַטש דעם הינטן אַף סקאַרוליע!..״
דער זיידע קריכט אום מיט אַ באָרד מיט אַ נאַסער
און טאַפּט די שוואַרצועס,
די פּעטערס אין נעפּל מיט לאַנגע בוסאַקעס מע שפּרײַזט אַף די פּליטן,

אָט ווערן זיי נעלעם. מע הערט נאָר ארויס פון דער ווײַט
דעם געשרײַענעם שמועס,
עס טוען א פליעסק אָפּאטשינעס, א גראָב, און דער שטראָם ווערט
צעשניטן...
דער נעפּל פּילט אויסעט די ליימיקע ברעגן, ניטאָ —
ניט קיין ערד, ניט קיין וואסער.
און ווייך איז די געגנט אזוי, און מאמאָשעס —
א ווארעמער אָטעם א בלאסער...
נאָר ס'וויקלט זיך עפּעס. אָט גייען די קאָלערליי טאָלן
און וועלדער אריבער,
דאָרט שטייען פארוויקלט די הײַזער, באדעקטע ווי מעבל
אין גווירישע שטיבער.
און אָט פּלאצט דאָ אופעט א קלאָרקײַט א גרינע...
ס'ווערט קלערער בא זיך אין נעשאָמע...
די זון טוט א לײַכט. עס באווײַזט זיך דאָס וואסער
און ווערבעס פארוויינטע און לאָמע,
דער וואלד האָט זיך בלוי אויסגעוואשן, איז נאס
און דער קאָפּ זײַנער פלאקערט,
און ס'גיסט זיך א העלקײַט ווײַט-ווײַט אף א לאָנקע...
א פויערל שטייט דאָרט און אקערט...
א ראכוועס, א פרישקײַט פון גראָזיקע לאָנקעס,
וואָס שמעקן און פינקלען און ויינען,
און ס'שווימען נאָך אומעט די שטיקער פון נעפּלען —
כאלוימעס פון פעלדער און פליינען...
און ס'שווימען די פּליטן געלאסן, געלאסן,
פארקערעוועט רונד מיט די ברעגן,
די שטרויענע בײַדעלעך שטראלן און פארען ארויסעט דעם טוי און דעם
רעגן.

דערבײַ ליגט דער זיידע. ער רויכערט די ליולקע
אוןזשמורעט פון טײַנעג די אויגן:
די וואַרעמע ערד האָט זיך גלאַנציק און פעט אַזוי שטאַרק אויסגעצויגן,
צעקעסטלט אין פעלדער, געמויזעכצן, געלבע און העלע און גרינע —
עס גיסט זיך דער דורכזיכטיק־ציט׳ריקער פלאַקס
אף בורשטיניקע שטענגעלעך דינע,
די גרינקײַט אף פעלדער־קאַרטאָפל ליגט אָפּגעקילט, מאַט, אויסגעזאָטן...
און ס׳שמייכלט די קורצע די ראָזעווע הרעטשקע
מיט שפּרענקעלעך ווײַסע באַשאָטן —
עס רינען די זאַפטן פון דר׳ערד, אַז אַ שיקרעס נעמט דורך אַלע גלידער,
עס שפּאַרט זיך אַ לעבן אַ שטומער דורך גרעזער,
דורך וואָרצלען און צווײַגן,
אָ, ס׳האַלט מער ניט אויסעט דער זיידע, ער טוט זיך אַ נעם,
אָ, ער קאָן מער ניט שווײַגן,
דערלאַנגט ער אַ רעווע: טראַסציאַ אין דײַן טאַטן!
און נאָכאַמאָל ווידער:
טראַסציאַ אין דײַן מאַמען! אַז ס׳כאַפּן זיך אופעט די זין אף די פּליטן,
מע זעט, אַז עס פלייצן אַראָפּ פון די פעלדער די פאַרבן,
די הייסע, ווי שטראָמען,
עס שפּרודלט פון פרילינג אַרײַן אין דער וועלט,
און אַליין איז מען אויך דאָ אינמיטן.
עס טוט זיך דאָ וואָס אף די פעלדער,
וואָס האָט ניט קיין נאָמען!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָט דער זיידע די פּליטן געטריבן קיין פּרײַסן,
איז ער פאַרנאַכטלעך אַרײַן מיט דער בלויער ווילי̆ע אין ניעמאַן אין ווײַסן,
האָט מען די שריגעס פאַרגראָבן אין זאַמד און די שווערע שוואַרצועס פאַרבונדן,
און פײַערן האָבן די פּעטערס אף יעטווידער פּליט אָנגעצונדן.
שווײַגעוודיק־מיד, זאַלבעצווייט בא אַ פײַער, אַזוי איז מען גרויע געזעסן,
געבראָכן דאָס ראָזעווע ברויט און דעם באָרשטש פונעם טעפּל געגעסן.
ס׳איז שטיל אף דער געגנט געוועזן, עס האָבן נאָר בלויע די וועלן געזונגען,

## י. ווינטער באנאכט אין דער אלטיטשקער כאטע

איז מען געלעגן באנאכט אין דער אלטיטשקער כאטע,
געראָיכערט די ליולקעס די גרויסע, געברומט און געסאָפּעט.
פֿאַרמאַטערטע האָבן די פּעטערס געקוקט טאַמעוואַטע,
אין שווייס איז אַ פּעטער געזעסן באַם טיש און געכראָפּעט.
אין שטיבל האָט קוים אַ לוטשינע אַ שטילע געברענט.
דערבײַ האָט דער פּעטער ראַכמיִעל די הויזן פֿאַרשטשאָבעט,
אַ שניי האָט געכליאָפּעט אין פֿענצטער, אַ ווינט האָט געקלאַפּט אין די ווענט,
די זאַסלינקע האָט זיך אין אויוון אָן ווענטל געשקראָבעט...
עס האָט זיך דער זיידע געדרייט אויף דעם אויוון דעם הייסן,
אָן קויכעס, דאָס העמד אויפֿגעעפֿנט אין אנגסטן באַשלאָגן,
דער ווינט אפֿן פֿעלד האָט די כוואַליעס אין ניעמאַן געשטויסן,
די אַלטע בעהיימע אין שטאַל האָט ניט אויפֿגעהערט קלאָגן.
עס זײַנען די פּעטערס געלעגן צו צוויי אין די בעטן,
טעמפּ מיט די צורעס צום באַלקן געקוקט און געשוויגן.
דער זיידעניו האָט זיך געקערט, אָ, דער זיידעניו האָט זיך געבעטן:
„אוורעמציק, מײַן קינד, טו אַ זונג אונדז אַ טרויעריקן ניגון”.
פֿון הייסן געלעגער אַראָפּ איז אוורעם דער פּעטער,
אין כוישעכניש איז ער געווען, ווי אַ יאָדלע אַ גרויע —
האָט ער געגעבן אַ זונג, ווי אַ ווינט אין אָסיענדיקע בלעטער,
האָט ער געגעבן אין טונקעלער כאַטע אַ וואָיע,
אַזוי ווי עס וואָיעט אַ וואָלף באַדערנאַכט אויף די וועגן,
אַזוי ווי עס וואָיעט אַ וואָלף אויף פֿאַרשנייטע, באַלויכטענע פֿליינען.
פֿאַרטײַעטע זײַנען די פּעטערס, ווי קלעצער געלעגן,

ס׳האָט פלוצעם דער זיידעניו שטיל אָנגעהויבן צו וויינען,
ער האָט זיך געדרייט אפן אויוון, געקלאפּט אין די ציגל.
„אָ, גאָטעניו, העלף, עס איז פינצטער און ביטער...״
דעם פעטער אווראָם איז דורך אין די ביינער א ציטער,
עס האָט זיך דער ניגן געגעבן א גאָס, ווי א שפּיגל,
געגעבן א קלונג, ווי א וואסער אין נעפּלען אין בלויע.
אין כוישעכניש איז ער געווען, ווי א דעמב א געזונטער.
האָט ער א טרייסל געטאָן די טשופּרינע ארוף און ארונטער
(דאָס האָט ער דערזען אינעם כאָלעם נאסטאסיען).
ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויס און געגעבן א ריטשע,
אזוי ווי אן אָגער, וואָס בענקט נאָך א קליאטשע א הייסע,
א שפּרונג און א הייב זיך געטאָן מיט די הענט אין די באָקעס,
אז ס׳האָבן פון פרייד זיך צעפינטלט בא יעדן די אויגן,
און ס׳זײַנען די שלעכטע געדאנקען אזוי ווי סאָראָקעס
ווי גרויע פון טונקעלער כאטע צעפלויגן...
איז ער ארויס אין א טענצל, א זונג און א זעץ מיט די שטיוול,
א ברען אין דער לופט, ווי א פלאם, מיט די הייסע שווארצאפּלען,
אז ס׳האָט זיך דער זיידע דערפילט, ווי ער פליט מיט דעם שטיבל,
ער קריכט ערגעץ הויך, ערגעץ הויך אף צעבראָכענע שטאפּלען...

צעטומלט פון ניגן, געליימט איז דער פעטער געבליבן,
אין סקאוועראָד האָט שוין געטלי׳עט די לעצטע לוטשינע,
דער זיידעניו האָט זיך צעשמייכלט, די הענט זיך געריבן:
„אווראָמעלע, ווו׳סטע גענומען אזא קאָל־נעגינע?״...

דער בלוי פון פארטאָג איז ארײַן אין דער ווארעמער כאטע,
פארוויקלט אין שטרוי האָבן ביימער אין גאָרטן געפראָרן.
דער ווינט האָט אין פירהויז געצופּט פון א פּעלצל די וואטע,
די אלטע בעהיימע אין שטאל איז אנשוויגן געוואָרן.

## יא. אנטאָשע שפּילט אף דער באנדורע

הײַ, הײַ,
הײַ, אנטאָשע, טו א זונג,
טו א קלונג
אף דער באנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אָט אזוי,
הײַ, הײַ.

ס׳איז געװען דער קרעװער דוקעס
װײַס װי שנײ,
װײַס װי שנײ,
האָט ער קינדערלעך אין פּאלאץ —
טעכטער צװײ,
טעכטער צװײ,
נאָר באם דוקעס בא די פערד
האָט געדינט דמיטרוק סקארוליא
מיטן נאָמען שאלאפּײַ...

הײַ, הײַ,
הײַ, אנטאָשע, טו א זונג,
טו א קלונג
אף דער באנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,

אָט אזוי,
היי, היי.

ס׳איז געקומען וועסנע־צײַט,
ברענגט דער בוים די נײַע צווײַגלעך,
ברענגט די שוואלב דאָס שוועלבעלע,
ברענגט די צויג אהיים די צײַגעלעך
און די קו דאָס קעלבעלע...
ס׳איז געקומען וועסנע־צײַט,
פאר די טעכטערלעך די צוויי,
ברענגען זיי אהיים צום דוקעס,
אינעם פארטעך
צו בײַסטרוקעס...
וויי, וויי, וויי....

היי, היי,
היי, אנטאָשע, טו א זונג,
טו א קלונג
אף דער באנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אָט אזוי,
היי, היי.

כאפט דער דוקעס זיך צום שווערד,
הייסט דער דוקעס שפאנען פערד,
און פון קרעווע ביז מאזשיר
און פון זשעטל ביז דאמיר
יאָגן רײַטער און קארעטן,
לויפן לאפער און שטאפעטן...
ס׳איז אין ערגעץ ניט געווען,
ניט צו זען
דעם רויצייעך שאלאפײַ...

היי, היי,
היי, אנטאָשע, טו א זונג,
טו א קלונג
אַף דער באַנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אָט אזוי,
היי, היי...

אין די וועלדער פון קריוויטש
ווינט דער גאזלען שאלאפּײַ,
און דער אלטער קרעווער דוקעס,
ווײַס ווי שניי,
ווײַס ווי שניי,
פּאָרט אליין איבער די פּליינען
אין דעם ריטערלעכן פּראכט,
און ער קלינגט מיט די קלייזנײַען
אין דער נאכט,
אין דער נאכט...

היי, היי,
היי, אנטאָשע, טו א זונג,
טו א קלונג
אַף דער באַנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אָט אזוי,
היי, היי...